Universitäts- und Landesbibliothek Sachsen-Anhalt
urn:nbn:de:gbv:3:1-317163-p0001-9

Te 1956
8

Universitäts- und Landesbibliothek Sachsen-Anhalt
urn:nbn:de:gbv:3:1-317163-p0002-5

# גזלת
# כבוד האלהי

בשנת תצ"ז

Universitäts- und Landesbibliothek
Zweigstelle Aufklärung

Universitäts- und Landesbibliothek Sachsen-Anhalt
urn:nbn:de:gbv:3:1-317163-p0004-6

דוא האט איין גרייל פֿאר דיא גשניצטי
אב געטיטי בילדר וגומר · דורך דיא
גשניצטי אב געטיטי בילדר · ווערדן דיא
פסילים אונ׳ אלילים פֿר שטאנדן · וועלכי דיא
אומות העולם פֿאר איינן גאט הילטן : כלומר
איין איקליכר יהודי האט איינן גרייל דראן ווען
ער זיכט דאס איין גוי איינם פסל דאס דאך נור
עץ ואבן איזט זאלכן כבוד אן טוט · דער גלייך
אייגנטליך נור השי׳ אליין צו געהערט · אונ׳ ער
איזט זאלכש בפה ובלב משקץ אונ׳ מתעב · אונ׳
טוט רעכט דראן · אבר דוא רויבסט גאט ·
דען אלהי אמת וואס זיין איזט : איר כהנים
רויבט הקב״ה · דא איר אים ניכט דיא רעכטי
קרבנות מקריב זייט · וויא ער בפֿוילן האט ·
אונ׳ טוט נאך אנדרי מעשים דא דורך זיין נאמן
פֿר אכטיט אונ׳ פֿר שמעהט ווירד · דאש גאט
זאגן אוז בייא דעם נביא מלאכי׳ סימן א׳ פסוק
ו׳ · ואם אב אני איה כבודי · ואם אדונים אני
איה מוראי אמר ה׳ צבאות לכם הכהנים בוזי
שמי ואמרתם במה בזינו את שמך : פסוק ז׳ :
מגישים על מזבחי לחם מגואל · ואמרתם במה

 גאלנוך :

גאלנוך׳ באמרכם שולחן יהוה נבזה הוא : וכי
תגישון עור לזבוח אין רע וכי תגישו פסח וחלה
אין רע וגו׳ : דאז הייסט אויף טייטש׳ ווען
איך נון איין פֿאטר בין׳ וואו איזט איינה עהרע׳
אונ׳ ווען איך איין הער בין׳ וואו איזט איינה
פֿורכֿט׳ שפריכֿט גאט דער הער טארן׳ צו
אייך איר כהנים׳ דיא איינן נאמן פֿר אכֿטן׳
אונ׳ ווען איר וואלט זאגן׳ וואו מיט האבן איר
דיינן נאמן פֿר אכֿטיט : איר גנעהנט אויף איינן
אספֿר טטול און ווירדיג ברויט׳ אונ׳ ווען איר
וואלט זאגן׳ וואו מיט האבן איר דיך פֿר און
ווירדיגט׳ דש איר האבט גזאגט׳ דער טיש
פֿון גאט איזט פֿר טמעהט : אונ׳ ווען איר
גנעהנט איין בלינד (קרבן) צו טעכֿטן׳ (דא זאגט
איר) דאז איזט ניכֿט בויז (צום קרבן)׳ אונ׳ ווען
איר גנעהנט איין הינקנדיג אדר איין קראנק׳
דאז איזט ניכֿט בויז (אדר בעל מום אונ׳ פסול
צום קרבן) וגומר : דעשט גלייכֿן שטיט נאך
ווייטר אין דיזם סימן : דאז איזט יוא נון הכל
הר׳ אויב איינר היין גיאט אונ׳ טוט איינם פסל
כבוד במקום אלוה אדר אויב איינר דעם נאמן
פֿון הש״י מבזה אונ׳ מחלל איזט :

בפֿרט אבר רויבט איר למדנים אונ׳ רבנים
וואש גאט איזט : דען איר רבנים וואלט האבן׳

דאש מאן מייערי ווארטי העכר האלטן זאל אלז
דיא ווארטי פון הק"בה דיא ער זעלבשט אין
דער תורה אונ׳ נביאים האט אויף טרייבן לאזן ·
דען אלזוא פינדן איר גשריבן אין ברכות
ירושלמי פרק א׳ דף ג׳ ע"ב · רבא בר כהן בשם
רבי יהודה בן פזי · תדע לך שחביבין דברי
סופרים יותר מדברי תורה · דאז הייסט
דוא זאלשט וויסן · דאש דיא ווארטי פון דען
סופרים נעמליך דיא גמרא הק"בה ליבר זיין אלז
דיא ווארטי פון דער תורה : אונ׳ אין מסכת
ערובין אויש תלמיד בבלי דף כ"א ע"ב זיין זיא
דען פסוק אויש קהלת י"ב · פסוק י"ב · וואז
זעלבשט שלהמ"עה מזהיר איזט · דש אן ניכט
פיל ספרים טרייבן זאל · דען ער שפריכט בני
הזהר עשות ספרים הרבה · דאז הייסט · איין
זון זיים גוואדנט פון פיל ביכר צו מאכן וגומר ·
דיזן פסוק זאג איך ווערכר נון פון פיל ביכר מאכן
רידט · זיין זיא אלזוא מפרש · בני הזהר בדברי
סופרים יותר מדברי תורה : דאז איזט טייטש ·
איין זון זיים גווארנט אן דען ווארטן דער
סופרים · אער אלז אן דען ווארטן פון דר תורה :
אין פו׳שת שופטים · בייא דעם פסוק על
פי התורה אשר יורוך · ועל פי המשפט אשר
יאמרו לך תעשה · לא תפור מן הדבר אשר יגידו


לך

לך ימין ושמאל׳ שרייבט רש״י אלזוא · ואפי׳
אומר לך על ימין שהיא שמאול · ועל שמאול
שהיא ימין: כלומר · אן זאלשט ניט אב ווייכן
פון דען ווארטן וועלכן דיא דיינים איינם פסקן ·
אויב זיא גלייך זאגטן פון דעם וואס רעכט
איזט · דאס עס און רעכט זייא · אונ׳ פון דעם
וואס און רעכט איזט דאס עס רעכט זייא:

דארום האבן אויך דיא רבינים אין דעם
אנדרן פרק פון בבא מציעא בבלי׳ דף ל״ג ע״א
אלזוא גלערנט · העוסקים במקרא מדה ואינה
מדה במשנה מדה ונוטלין עליה שכר · גמרא
אין לך מדה גדולה מזו וכולי׳: דאז איזט
טייטש · דיא דא פסוק אדר׳ אין תורה נביאים
אונ׳ כתובים לערנן · דאז איזט וואל עטוואס
פון איינר מדה טובה · אבר עס איזט דאך
ווייא ניכטש צו רעכנן: דיא דא אין דער משנה
לערנן · דאז איזט איינע גוטע מידה · אונ׳ זיא
זיין אויך מקבל שכר דעסט וועגן: דיא נון אין
דער גמרא לערנן · דא איזט קיינה בעסרי
מידה אלז דיזי וכו׳: אין מסכת ברכות פרק
תפילת השחר שטיט · דאס רבי אליעזר אלז
ער שטערבן זאלטי · זיינן תלמידים צוואה
געטאן · דאס זיא איירי קינדר זאלטן אב האלטן
פון פסוק: אונ׳ אויב עס טון ווער קרוב לאמת

מיזט דאט ר׳ אליעזר דורך דאז ווארט הגיון פר שטאנדן האט איינה גוויטי חכמה פון דען חכמת היוונים וועלכי זיא אין אירם לשון לאגיקי נענן · אונ׳ דיא פילוזופים פון דען כר ישראלים הייסן זיא חכמת שימול הדעת · וויל אין דער זעלביגן גלערנט ווירד וויא דער שכל פון דעם בן אדם מיט דעכט איבר ליגן אונ׳ ממש אב וועגן זאל · זוא האט דאך רשי׳ דאז ווארט הגיון דורך מקרא ערקלערט · דען ער טרייבט אין זיינם פירוש הגמרא אלזוא לא תרגילום במקרא יותר מדאי · דאז הייסט איר זאלט אייערי קינדר ניכט צו פיל אין פסוק אדר אין תורה נביאים וכתובים גווינן לאזן : ווארום אבר רבי אליעזר דיא חכמה פר באטן האט · זאל איין אנדר מאל גמעלדט ווערדן :

דעסט וועגן נון טרייבט ר׳ יצחק בן ר׳ יוסף אין זיינם ספר וועלכש גנענט ווירד עמודי גולה · זונשטן אויך סמ״ק ספר מצוות קטן · דף ל״ט ע״א סמוך לסוף הדף · אלזוא : אל תחשוב כי עקר התורה בכתב · כי אדרבה עיקרה אותה שבעל פה · ועל תורה שבעל פה נכרת ברית · דכתיב כי על פי הדברים האלה כרתי אתך ברית וגו׳ : דאז הייסט · דוא זאלסט ניכט מיינן דאס דיא גשריבני תורה

 דורך

דורך משה אונ׳ דען נביאים דער גרונד זייא·
זונדרן אדרבה דיא תורה שבעל פה איזט דער
גרונד· אונ׳ איבר דיא תורה שבעל פה האט
הקב״ה איין פֿר בונד געמאכט· וויא געשריבן
שטיט· דען נאך דיזן ווארטן האב איך איינן
בונד מיט דיר פֿרטניטן (שמות ל״ד פסוק
כ״ז) וגומר:

אהובי רבותי איך ביט למען הרחמים
דאס דאך איין איגליכר בר ישראל דער נור
איין ביסכן שכל האט בדענקן מעכטי אוב דיזש
ניכט איין רעכטר חירוף וגידוף איזט· משה
רבנו עליו השלום האט געזאגט· לא ימוש ספר
תורה הזאת מפיך· עס זאל ניכט ווערדן אב
געטאן דאז בוך פֿון דיזר תורה פֿון דיינם מונד·
אונ׳ דוד המלך שפריכט תהלים א׳ ובתורתו יהגה
יומם ולילה אונ׳ שלמה זאגט אין משלי עץ חיים
היא למחזיקים בה· דיא תורה איזט איין בוים
דעז לעבנס צו דענן· דיא זיא אן גרייפֿן· אונ׳
אלי נביאים זיין אויך פה אחד מודה אונ׳ מעיד
דאס אן זיך אין דער תורה אונ׳ נביאים איבן
זאל· אונ׳ זיא קונן אונ׳ זאגן ניין· אונזרי תורה
דיא גמרא אוז אן קודם כל לערנן· דא דאך
דיזע לביגי מלא הבל אונ׳ שטות איזט· וויא זיא
זעלבסט מורה זיין אוזן אין דען דריטן פרק פֿון
מסכת

מסכת סנהדרן דף כ"ד ע"א׳ דאס עס הייסט :
במחשכים השיבני׳ אמר רבי ירמי' זה למודה
של בבלי׳ דאז איזט טייטש׳ אין דער
פינסטרניש האט ער איך געזעצט (איכה ג')
דאז איזט דיא לערנונג פון דער תלמוד בבלי׳
וויל נעמליך לויטר ספיקות אונ' מחלוקות דרינן
זיין׳ אונ' אלי אירי ראיות זיין כקנה רצוץ׳
ווא איין צו ברעכן דויך :
למשל איר וואלן נור דיא ראיות אן
זעהן׳ וועלכי איר פאר העראן געפירט האבן׳
אונ' דארויט זיא בוויזן וואלן דאט אירי תורה
בעסר זייא אלז דיא תורה משה אונ' נביאים :
דיא ערשטי ראיה זאל זיין אויט קהלת י"ב׳ דא
שהמ"עה אין פסוק י"ב שפריכט בני הזהר עשות
ספרים הרבה וגומר׳ אויט דיזן ווארטן קאן נור
איין האלבר יודע ספר זעהן דאט דער פסוק
מזהיר זיין וויל אום ניכט פילי ספרים צו שרייבן׳
ווייא טון גראכט איזט׳ דא קומן זיא העער
אונ' זיין דיא ווארט מהפך אונ' זאגן בני הזהר
בדברי חכמים וגומר: אדרבה׳ שלמה המלך
וויל אין דיזן ווארטן זאגן דאט מן ניכט זוא פיל
ספרים טרייבן זאלי׳ אלז וויא דיא רבנים אין
אירם תלמוד׳ פיל וויניגר וויל ער האבן דאט
מן אויטר דער תורה וועלכי דברי אלהים חיים

איזט נאך מיינה אנדרי תורה הין צו טון זאל·
וויא ער אויך אין משלי סימן ל' פסוק ו' גזאגט·
אל תוסף על דבריו· דוא זאלשט ניכטש הין צו
טון צו זיינן ווארטן וגומר: ממילא זא איזט יוא
דאז דער היפך פון דעם וואס זיא דרויף בווייזן·
וואלן· ער ווארנט יוא פאר פיל ביכר מאכן·
וויא זיא גטאן האבן: אונ' וואס רשי' בווייזן
וויל אויס דברים סימן י"ז פסוק י"א· דאס מאן
מחויב זייא צו טון נאך דען דברים פון דען
שופטים אונ' דיינים אויב זיא גלייך שקר זאגטן·
דאז קאן איין איקליכר אויך אויס דער טייטשן
עשרים וארבע זעהן· דאס עס ניכט וואר איזט:
דען דיא רידי איזט נור פון זאלכן זאכן· דיא
נאך תורת משה רעכט זיין דא פון זאלטי מאן
ניכט וויכן צור רעכטן האנד אדר צור לינקן·
אבר וואס איט דער תורה ניכט איבר איין קומט
דא פון האט הק"בה גזאגט לא תאבה לו· ולא
תשמע לו· דוא זאלשט עס ניכט וואלן אונ'
ניכט הערן· ווען עס שוין איין נביא זיין זאלטי:
ועל כולם· ווען דיא שופטים רשות
העטן גהאבט נאך אירן ווילן אונ' וואז גפאלן
צו פסקן· ווארום האט זיא דען הק"בה זא פיל
אמל דורך נביאים בשטראפן אונ' מזהיר זיין לאזן
דאס זיא רעכט ריכטן זאלן נאך זיינר תורה·

משה זאגט דברים א׳ ושפטתם צדק · איר זאלט רעכט ריכטן · זכרי׳ זאגט אין זיינר נבואה סימן ז׳ משפט צדק שפוטו · ריכטיט איין גרעכט גריכט : אבר זאלכי שופטים אונ׳ דיינים וועלכי אויז לינק רעכט אונ׳ אויז רעכט לינק מאכן וואלן · ווי׳ רשי׳ מתיר איזט · דאז זאגן וואו׳ זאבי ערב · נאכטי וועלף זיין · דער גלייכן צו ירושלים ווארן אין דען טאגן פון צפניה הנביא · ווי ער אין זיינר נבואה סימן ג׳ דריבר קלאגט אונ׳ שפריכט שופטיה זאבי ערב · אירי (נעמליך דער שטאט ירושלים אירי) ריכטר זיין ווי דיא נאכט וועלף · דיא קיין ביין איבר לאזן ביז מארגן · כלומר · דיא דא פסקן ניכט נאך דער תורה באמת ובצדק זונדרן ווי זיא וואלן · ווער אינן שוחד גיבט דער גווינט ביים אינן · זונשטן פר טוין זיא קיינן · עס מאג איין יתום · אלמנה · עני ואביון אדר איין צדיק זיין : אונ׳ ווי זאלטי דאך הק״בה · דעסן חותם אמת איזט · גביטן · דז אן מענטשן פאלגן זאלי ווען זיא גלייך אויז אמת שקר · אונ׳ אויז שקר אמת מאכטן :

דיא אנדרי ראיה איזט פון דעם בעל עמודי גולה אדר סמ״ק וויל דער פסוק זאגט שמות ל״ד פסוק כ״ז כי על פי הדברים האלה כרתי

כרתי ברית וגומר: ווען מאן אבר דען גאנצן פסוק מיט זיינם קשר בטראכטיט זא קאן מאן אויך איין קינד זעהן דאס הק״בה מיט דיזן ווארטן גאנץ וואס אנדרש זאגן וויל. דען אין דען פאר הער גיאנדרן פסוקים אין דער זעלביגן גאנצן פרשה האט השי׳ משה רבינו איינגי מצות גזאגט פון שלוש רגלים. פון מעשור. פון עבודות אלילים. פון גדי בחלב אמו. אונ׳ נאך אנדרי מער. ווערכי מצוות משה צו ישראל זאגן זאלי. דש זיא זיא זאלן מקיים זיין. קצרת אין דער מדברי אונ׳ קצתן בארץ כנען: דארויף קומט דיזר פסוק כ״ז אונ׳ שפריכט. דאס הק״בה גזאגט האט צו משה כתב לך את הדברים האלה וגומר: טרייב דיר דיזי ווארטי אויף. נעמליך דיא ווארטי פון דען מצוות. דיא קורץ פאר הער זיין גבאטן ווארדן. אונ׳ וויל דיא ערשטי לוחות זיין צו בראכן גווארדן. זא מוזטי משה אליש נאך איין מאל טרייבן. וויא דען גלייך דרויף אין דעם פסוק פאלגט. ויכתב על הלוחות את דברי הברית עשרת הדברים: דארויז זעהן מיר בפירוש וואס ער אייגנטליך גטריבן האט. נעמליך דיא עשרת הדברות אויף דיא נייאה לוחות:

אונ׳ דאר מיט זיין אויך מסכים אלי רעכטי

מפרשי

מפרשי התורה · דיא בעלי דקדוק זיין · נעמליך
דער רא"בע אונ' רש"בם · דער ערשטי שרייבט
אלזא · ויאמר · ואעפ"י שכבר היו כתובים ·
כתבם פעם אחרת עם עשרת הדברים · על כן
נכתבה הפרשה הזאת פעמיים : דאז איזט
טייטש · אונ' גאט שפראך צו משה שרייבי
וגומר · אויב גלייך דיזי ווארטי (וועלכי אין דער
פרשה זיין גבאטן ווארדן) שון ווארן אויף
גשריבן (נעמליך אין פרשת משפטים) זא האט
זיא משה דאך נאך איין מאל מיט דען עשרת
הדברות אויף שרייבן מוזן · וויל דיזי ווידר פֿון
נייאן אויף דיא אנדרי טאפֿלן זיין גשריבן
ווארדן · דארום איזט דיזי פרשה צווייא מאל
גשריבן · (נעמליך שמות כ"ג איין מאל אונ'
היער צום אנדרן מאל) :

דער אנדרי אבר · נעמליך רשב"ם איזט
דען פסוק זוא מפרש · כתב לך את הדברים
האלה · האמורים בפרשה זו · הנני גורש
מפניך וגומר · כי על פי הדברים האלה · שלא
תלכו אחרי אלהים אחרים · ולא תכרות ברית
ליושבי הארץ · ולא להתחתן בם · ולעלות לרגל :
דאז הייסט · ווען גאט שפריכט צו משה :
שרייב דיר דיזי ווארטי · דא ווערדן דיא
יעניגי ווארטי פֿרשטאנדן · וועלכי אין דיזר
פרשה

פרשה זיין גזאגט ווארדן · נעמליך פֿון פסוק
י"א אן · דא עס הייסט · נון איך ווערדי פֿר
טריבן פֿון פֿאר דיר · אונ' ווייטר : ווען אבר
הק"בה ווייטר שפריכֿט · דען נאך דיזי ווארטי
האב איך איינן בונד גמאכֿט · דא איינט ער
נעמליך וואס פֿאר הער גזאגגן איזט · דש איר
ניכֿט גימן זאלט נאך אנדרי געטר · אונ' דש דוא
קיין בונד פֿר שניידן זאלשט מיט דען איין
וואונרן פֿון לאנר · פסוק י"ב · אונ' דאס אן זיך
מיט אינן ניכֿט זאל מתחתן זיין · פסוק ט"ו אונ'
ט"ז · אונ' דאס זיא זאלטן עולה לרגל זיין ·
פסוק כ"ג וגו' :

וואו איזט נון דא פֿון איינר אנדרן תורה
וואס גרמכֿט · וואו שטיט היער דאס הק"בה
מר"עה נאך איינה אנדרי תורה נעמליך דיא
גמרא גגעבן האט · אדר וואו ווירד דא פֿון
גרמכֿט דש הק"בה אויך זוא איין מבולבל ספר
וויא דער תלמוד איזט · האט כורת ברית געווזן:
לא היה ולא נברא : א"כ ווארום וואלן זיא
דען האבן דש אן אירן דסרים אער כבוד אן טון
זאל אלז דען דברי השי' · ווארום וואלן זיא דען
זאגן דש דער יעניגי אער מקבל שכר איזט ·
דער דא לערנט אין דער משנה אונ' גמרא אלז
איינר דער פסוק אדר תורה שבכתב' לערנט :

אדר זאגרוס וואלן זיא פֿר ביטן דאס אן דיא קינדר ניכֿט פֿיל צו מקרא גווינן זאלי הק"בה האט יוא געבאטן · ושננתם לבניך · דש אן דיא תורה רעדן קינדרן איין טערפֿן זאל: אונ׳ וואס וויל אן ווייטר זאגן אוי לאותה בושה דאס עס זאו וויט מיט דער תורה שבעל פה געקומן איזט · דאס אחד מן אלף אויך איין למדן איין פסוק רעכֿט פֿר שטין קאן אויס תורה שבכתב · וועלכֿש גוויס דאז גלות אונ׳ צרות פֿר לענגרט · דאך פֿון דיזס אלן זאל איין אנדר מאל אם ירצה הגוזר מער גזאגט ווערדן · ווען איר ווערדן בוויזן דאס דיא גמרא קיין תורה שבעל פה זייא פֿון הק"בה · זונדרן פֿיל מער מחשבות לב אדם · לויטר מענשליכֿן גדאנקן · דיא מלא שגיאות ושטות זיין: דיזס אונז איך נאך דאר צו זעצן · דארט אין פרקי אבות זאגן זיא המגלה פנים בתורה שלא כהלכה אין לו חלק לעולם הבא · דאז איזט טייטש · ווער דא ענטבלעקט איין פֿר שטאנד אויס איינס פסוק אין דער תורה · דער ניכֿט נאך דעם אייגנטליכֿן פשוט רעכֿט איזט · דער זעלביגי בן אדם האט קיין חלק לעולם הבא: נון קאן יוא איין איקליכֿר זעהן · דש דיא רבנים דיא פסוקים אויס דער תורה גאנץ אנדרשט מפרש זיין וואן אלז איר

פשוט

פשוט איזט וויא איר פֿאר העער גזעהן · ממילא
אוז גדרונגן זיין · דאס זיא קיין חלק לעולם
הבא האבן ווערדן :

רק נחזור לעניננו הראשון · איר וואלן
ווידר אויך אונזרי ערשטי זאך קומן · אונ׳ נאך
דעם איר גזעהן האבן · וויא דיא רבנים מיין
זאלן אער כבוד האבן וואלן אלז הק״בה כביכול
זעלבשט · זוא קענן איר נון רעכט פֿר שטין
וואס דיזא הייסט · ווען דער אטולח זאגט ·
דוא האסט איין גרייל אן דיא גשניצטי בילדר ·
אונ׳ דוא זעלבשט רויבשט גאט וואס זיין איזט ·
כלומר איר רבנים גזלת דען כבוד וועלכר הטי״
געהערט · אונ׳ וואלט האבן דש אן מין אייך אונ׳
אייערן רבנים אן טון זאל : דאז איזט יוא
עבן פֿאלש עבודה זרה · דען וואס איזט דא
פֿר איין הפרש אויב איינר היין גיאט אונ׳ טוט
איינם פסל כבוד אן · אלז וויא איינם אלוה ·
אדר אויב איר זאגט · דאס אמן אייערי
ווערטר אונ׳ אייך אוז העבר האלטן אלז דברי
אלהים חיים · אונ׳ דיא המוניים טון עס
אויך אלזוא · דאז איזט יוא
איינרלייא מיט עבודת
אלילים :

Universitäts- und Landesbibliothek
Zweigstelle Aufklärung

Universitäts- und Landesbibliothek Sachsen-Anhalt
urn:nbn:de:gbv:3:1-317163-p0019-3

Universitäts- und Landesbibliothek Sachsen-Anhalt
urn:nbn:de:gbv:3:1-317163-p0020-4

Nf. 1.

Universitäts- und Landesbibliothek Sachsen-Anhalt
urn:nbn:de:gbv:3:1-317163-p0021-0

Universitäts- und Landesbibliothek Sachsen-Anhalt
urn:nbn:de:gbv:3:1-317163-p0022-5

גזלת

כבוד האלהי

בשנת תצ"ז

Universitäts- und Landesbibliothek Sachsen-Anhalt
urn:nbn:de:gbv:3:1-317163-p0023-1